ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

תוכן ענינים לה' חלקים

אידיש

555

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# תוכן הענינים

## פון פרק א׳
## ביז פרק נ״ב

אין דעם תוכן הענינים ווערן אַראָפּגעברענגט אַלע יסודות׳דיגע פונקטן פון דעם גאנצן פרק.

# תוכן הענינים

## פרק ראשון

ער איז מבאר דעם ענין פון מענטשנ׳ס באַשאַפונג און ווי מען קען לערנען פון אדם הראשון וואָס איין חטא קען גורם זיין.


א. אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אויף דער וועלט האָט ער באַשאַפן אינעם מענטש, און אויב ער איז פוגם אין אַן אבר איז ער פוגם אין דעם חלק וואָס איז מרומז אין דעם אבר ........ ו

ב. אַ ביאור אויפין מאמר חז״ל ״אחטא ואשוב״ ........ י

ג. דער מענטש דאַרף זיך באַמיען צו טוהן אַ מצוה וואָס ער פוילט זיך עס מקיים צו זיין, ווייל אויף דעם איז ער אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט ........ יב

ד. דער מענטש דאַרף זיך אַרומקוקן ווי די רשעים זענען אַוועק פון דער וועלט און עס איז גאָרנישט געבליבן ביי זיי ........ יג

ה. זאָלסט לערנען כאָטש דו פאַרשטייסט נישט וואָס דו לערנסט ........ יד

ו. דער מענטש דאַרף לערנען וואָס זיין האַרץ גלוסט מער, און אויף דעם קומט ער אויף דער וועלט ........ טו

ז. דער מענטש קומט אַראָפּ אויף דער וועלט צו טוהן די מצוה אויף וואָס דער יצר הרע איז זיך מער מתגבר אויף אים ער זאָל עס נישט טוהן ........ טז

ח. אַז מ׳לערנט נישט יונגערהייט, ווי קען מען דאָס פאַרריכטן אויף דער עלטער? ........ יז

ט. ער זאָל זיך מוסר נפש זיין אַז זיינע קינדער זאָלען לערנען תורה ........ יז

י. אַן עושר זאָל אויסהאַלטן מיט זיין געלט אָרעמעלייט און תלמידי חכמים .. יח

יא. פאַרוואָס האָט מען געגעבן דעם עושר עשירות? ........ יט

יב. אויב דער עושר טוט נישט וואָס ער דאַרף, נעמט מען אים צו דאָס עשירות. – אַן אינטערעסאַנטע מעשה. ........ יט

יג. מיט געבן צדקה קויפט זיך דער עושר עולם הבא, און מען איז אים מוחל אַלע עבירות ........ כא

יד. שלמה המלך ע״ה האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנץ עשירות אויף דער וועלט, און האָט מיט זיך נאָר מיטגענומען זיין גאַנצע נשמה ........ כב

**טו.** ווען נישט שלמה המלך ע"ה וואלט געשריבן די דריי ספרים, וואָלט מען היינט גאָרנישט געוואוסט אַז עס איז אַמאָל געווען שלמה המלך, ווי ער זאָגט אין קהלת "ויותר מהמה בני הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ"........ **כג**

**טז.** דו עושר! גיב אַכטונג אַז דיין עשירות זאָל נישט זיין דיין גרעסטער שונא, אַז פון דיינע וועלדער אוןביימער זאָל מען נישט אָפּהאַקן צו מאַכן גרעסער דיין פייער אין גיהנום........ **כג**

**יז.** אַ תשובה פאַרן יצר הרע וואָס רעדט אים איין אַז ער קען זיך נישט אויסאַרבעטן און אָנקומען צו די העכסטע מדריגות........ **כה**

**יח.** צדיקים האָבן זיך אויסגעאַרבעט און זענען אַרויף לעבעדיגערהייט אין הימל, און אַנדערע וואָס זייער גוף איז נישט פאַרפוילט געוואָרן אין קבר, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעאַרבעט........ **כו**


# פרק שני

אין דעם פרק ווערט אַרויסגעברענגט, ווי דער באַשעפער איז מאריך אַף, ער האַלט צוריק זיין כעס, פון די רשעים, כדי זיי זאָלן תשובה טוהן. אין דעם פרק רעדט דער מחבר אויך אַרום די מעלות פון דער מדה פון ענוה און די שענדליכע מדה פון גאוה.


**א.** די מעלות פון נח הצדיק און דאָס רשעות פון זיין דור........ **ג**

**ב.** ווי אַזוי דער אויבערשטער איז מאריך אף מיטן רשע כדי ער זאָל תשובה טוהן און נישט שטאַרבן אַלס רשע. אַן ענטפער צו די אפיקורסים וואָס זאָגן אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן כדי דער אויבערשטער זאָל ח"ו קענען נעמען אין אים נקמה........ **ה**

**ג.** די גרויסע עניוות פונם אויבערשטן........ **ו**

**ד.** אַ מענטש דאַרף זיך אַראָפּלערנען פון זיינע מדות כדי צו דינען דעם אויבערשטן........ **ז**

**ה.** אַ מענטש דאַרף שטענדיג זען צוצוקומען צו דער מדרגה פון די מלאכים...... **ח**

**ו.** פופצן זאַכן וואָס דערווייטערן דעם מענטש פון גאווה........ **ט**

**ז.** דאָס גרויסע תועלת פאַר עמיצן וואָס האַלט זיך נידעריג........ **יב**

**ח.** אַ מענטש זאָל זיך נישט גרויס האַלטן מיט דעם וואָס דער אויבערשטער איז משפיע גוטס אויף אים........ **יד**

**ט.** די מעלה פון די וואָס האַלטן זיך נידעריג, וואָס דער אויבערשטער דערפילט זייער גלוסטונג, כאָטש זיי האָבן נישט מתפלל געווען דערויף....... **טו**

**י.** אָפּענע מוסר-רייד קעגן די וואָס טרינקן וויין........ **טו**

# פרק שלישי

מוסר פאַרן מענטש אויסצוגלייכן זיינע וועגן, און ווי אַזוי מען קען איבערדרייען די שלעכטע נייגונגען צו מעשים טובים און צו באַקומען שכר פאַר זיי.


א. אַ מוסר ווי אַזוי דער מענטש זאָל ארויסלערנען פון אַלע פאַסירונגען ארום אים, צו פאַרבעסערן זיינע וועגן. ........ ג

ב. ווי אַזוי קען אַ מענטש זיך באַרימען מיט זיין שיינקייט און זיין געלט, און אויך מיט אַלע שלעכטע מדות, זיי צו טוהן בהיתר, אַז ער זאָל באַקומען שכר דערויף. ........ ד

ג. אַ מענטש דאַרף אַרויסלערנען אַ מוסר השכל פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג, און זיך באַטראַכטן וואָס עס איז אים איבערגעבליבן פונעם גאַנצען טאָג. ........ ח

ד. ווי אַזוי קען אַ מענטש פאַר זיך אָנגרייטן פון אַלעם גוטן דורך זיין מחשבה ........ ח

ה. ער זאָל נישט בועט זיין אין די נסיונות און יסורים וואָס קומען ח״ו אויף אים, און ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אברהם אבינו ע״ה, וואָס טראָץ דעם וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען פיל צרות און ליידן, האָט ער נישט אָפּגעקערט פונעם אויבערשטענ׳ס וועג, און נאָך צוגעלייגט אהבה צו זיין ליבשאַפט פאַרן באַשעפער. ........ י


# פרק רביעי

עצות פאַרן גוף און פאַר דער נשמה ווי אַזוי תשובה צו טוהן, און פיל עצות ווי אַזוי מבטל צו זיין דעם יצר הרע פון עריות.


א. דער מענטש דאַרף שטענדיג געדענקען, די גרויסע חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אים, פונעם טאָג וואָס ער איז באַשאַפען געוואָרן ביז יעצט. ........ ג

ב. ער זאָל ציטערן פון אַן עבירה ........ ו

ג. אמת׳ע רייד וואָס דער גוף און די נשמה זאָגן פאַרן אויבערשטען כדי ער זאָל אים פאַרגעבען די זינד, און אַ עצה פאַר דעם וואָס טוט תשובה, אַז די תשובה זאָל אָנהאַלטן און זיך נישט אָפּקערן פון אים. ........ ז

ד. די ריכטיגע תשובה און פייניגונגען מתקן צו זיין וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט ........ ז

ה. ווי אַזוי מען קען ארויסלערנען פון דעם דור המבול און פון סדום די חסדים פון אויבערשטען ........ ח

ו. דאָס גלויבן אינעם טאָג ווען ער וועט דאַרפען געבען אַ דין וחשבון, האַלט צוריק דעם מענטש פון זינדיגען......... ט
ז. וואָס דער מענטש זאָל טראַכטן כדי אָפּצושוואַכן זיין יצר הרע........... ט
ח. אַ מענטש טאָר זיך נישט באַרימען, נאָר ער דאַרף זיך ווענדן צו גלייכן צום באַשעפער. אויך דאַרף דער מענטש שטענדיג האַלטן פאַר די אויגן די צוקונפטיגע צייט......... יא
ט. פיל זאַכען צוליב וועלכע ס'איז ביטער פאַרן מענטש......... יא
י. זאַכען וואָס וואויל איז דעם מענטש וואָס איז זיי מקיים......... יג

# פרק חמישי

אין דעם פרק ווערט קלאָר דער טעם פאַרוואָס עס זענען דאָ אָרימע און רייכע מענטשן, און מוסר-רייד פאַרן אָרימאַן ער זאָל אַלץ מקבל זיין באהבה.

א. אַ טרייסט פאַר די וואָס זענען זיך מייאש פון זייער לעבן......... ג
ב. זיבן ענטפערס פאַר וואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי באַשאַפען די וועלט אַז עס זאָל זיין אָרימע און רייכע, און אַ תירוץ פאַר וואָס דווקא דער מענטש איז אָרים, און יענער איז רייך......... ג
ג. פיל מצוות וואָס דער מענטש איז מקיים יעדן טאָג און ער מיינט אַז ער איז עס נישט מקיים......... ו
ד. טרייסט-ווערטער פאַרן אָרימאַן......... ז
ה. מוסר-רייד פאַרן אָרימאַן וואָס זיין מזל האָט אויפגעשיינט צום גוטן און ער איז רייך געוואָרן, אָבער ער פאַר'מיאוס'ט זיך פון זיינע אָרימע חברים וואָס ער האָט געהאַט פון פריער......... ח
ו. אַ מוסר השכל פאַר עמיצן וואָס מאַכט חתונה זיין טאָכטער צו אַן עם הארץ צוליב געלט......... יא
ז. די מעלה פון דעם אָרימען זון וואָס איז אַ תלמיד חכם......... יג
ח. ווי אַזוי אַ שלעכטע פרוי קען פאַרפירן אין די ענינים......... יד
ט. דער שידוך פון יצחק מיט רבקה......... טו
י. די גרויסע עבירה פון די מענטשן וועלכע ווילן שטאַרבן מתוך צער און אָרימקייט......... טז
יא. דער מענטש דאַרף שטענדיג זיין פריילעך, געדענקענדיג וועלכע מצוה ער איז מקיים – די שענדליכקייט פון פאַרברענגען די צייט מיט נאַרישקייטן... יח

# פרק ששי

אַ מענטש זאָל זיך נישט מצטער זיין ווען עס קומען חי"ו אויף אים יסורים, און ער זאָל געדענקען אַז עס איז אין זיין האַנט צו שטייגן און זיין גאַנץ נאָך מער ווי די מלאכים, און ער זאָל פאַר זיך איינקויפן יעדע סאָרט גאַנצקייט און סגולות.


א. אַלע טרעפונגען וואָס קומען אויפן מענטש מיט דער צייט.......... ג

ב. דאָס ענין וואָס מיר טרעפן ביי די גדולי הדורות וואָס עס האָט זיי געטראָפן די טרעפונגען, כדי אַז אויב עס וועט אויך פאַסירן צו עמיצן אין די שפּעטערע דורות, זאָל ער זיך טרייסטן צוזאַמען מיט זיי, ווייל ער איז נישט בעסער פון זיינע עלטערן.......... ד

ג. אַ משל פאַר אַ מענטש וואָס איז שולדיג פאַר זיין גוטן פריינט.......... ו

ד. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, אַז מיטן דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג איז ער שוין אַ בן עולם הבא און ער דאַרף נישט טוהן מער פון דעם.......... ז

ה. ווער איז אַ טיפש, אַ שוטה, און ווער איז אַ פקח און אַ חכם.......... ט

ו. דער מענטש דאַרף געדענקען אַז דער באַשעפער שטראָפט דעם זינדיגן פאַר זיין שלעכטס, און מ'דאַרף נישט ספּעציעל אויסרופן דערויף אין הימל.......... י

ז. דורכן עוסק זיין אין תורה און מקיים זיין מצוות קויפט ער זיך גוטע שטיינער, גראָז און בעלי חיים.......... יא

ח. אַ געווירץ צו היילן דעם זעל פונעם מענטש.......... יג

ט. ווען אַ מענטש איז מקיים אַלע מצוות, ווערט געבוירן אַ נייע סגולה וואָס העלפט קעגן יעדע מחלה און קלאַפּ.......... י

י. דער מענטש דאַרף זיך לערנען אַ מוסר פון די טמאַ'נע בהמות און עופות, פאַרוואָס די תורה האָט געאסר'ט זיי צו עסן.......... טו

יא. התעוררות זיך צו שטאַרקן צו טוהן תשובה.......... טז

יב. די קריגעריי צווישן דעם יצר טוב מיטן יצר הרע.......... יח

יג. זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל האַלטן אין זיין האַרץ, כדי ער זאָל נישט זינדיגן.......... יח

יד. די מעלה פון וידוי.......... יט

טו. דער מענטש דאַרף תשובה טוהן ווען ער איז נאָך יונג, ווייל וואָס שפּעטער ער פאַרריכט זיינע וועגן צו תשובה, שטאַרקט זיך דער יצר הרע, און דער מענטש זאָל נישט זאָגן, איך האָב נאָך צייט צו טוהן תשובה אויף די עבירות.......... כ

# פרק שביעי

אין דעם פרק ווערט געברענגט, אַ טייערע תפלה פון דעם רדב״ז, אַ תוכחת מוסר פון דעם חסיד רבינו בחיי, און נאָך.


א. אַ טייערע תפילה צו דעם גרויסן און פאַרכטיגן באַשעפער, צו לויבן זיין נאָמען און זיינע טיפע מחשבות, פון הרב דוד זמרא ........ ג

ב. אַ תוכחת מוסר פון דעם חסיד רבינו בחיי........ יא

ג. אַ תוכחת מוסר פון רבי יהודה החסיד ........ יד

ד. מרגניתא דבי רב, הביאה בעל אור קדמון ובעל ספר ראשית חכמה, הביאה מרבי מאיר לעורר ולתוכחת ........ טו

ה. ווער איז אַ בן עולם הבא........ טז

ו. צו געדענקען דעם יום המיתה זאָל אַ מענטש זאָגן צו זיין האַרץ וכו׳. – פון ספר הישר לרבינו תם........ יז


# פרק שמיני

אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, פיל זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל געבן צו זיין האַרץ, זיך צו שטאַרקן אויף דעם יצר הרע.


א. פיל משלים – וואָס אַ מענטש זאָל געבן צו זיין האַרץ, זיך צו שטאַרקן אויף דעם יצר הרע........ ג

ב. כדי אַוועקצושיקן דעם יצר הרע פון זיך, זאָל ער רעדן מיט זיינע גלידער, און ער זאָל מוכיח זיין זיינע אָדערן, און משפטי׳ן זיינע ביינער, און אַזוי זאָל ער זאָגן, און ווי עס שטייט ווייטער ........ ה

ג. דער רשע שטאַרקט זיך מיט זיין שלעכטס ווען ער זעט אַז ער ווערט נישט באַשטראָפט פאַר זיינע זינד, און אדרבא, די תלמידי חכמים וואָס האָבן מורא פון דעם אויבערשטן, זענען אין אַן ענגע לאַגע, און נישט ער........ י

ד. דער טויער פאַר דעם רשע, וואָס זאָל אים ברענגען צו תשובה ........ יא

ה. אַ התעוררות צו תשובה, אַז אויב ער וועט נישט תשובה טוהן, אויף וועמען וועט ער זיך פאַרלאָזן ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט........ יב

ו. ער רעכנט אויס אַ סאַך זאַכן וואָס אַ מענטש וויל, אָדער גלוסט, צו דערפילן די תאוות פון זיין יצר הרע, און ער זאָל טוהן פאַרקערט, אַזוי ווי עס איז דער ווילן פון דעם אויבערשטן........ יג

# פרק תשיעי

אין דעם פרק ווערט געברענגט אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טאָן, און נאָך פיל זאַכן וואָס דער מענטש זאָל נעמען אויפן האַרץ, מתקן צו זיין זיינע וועגן.


א. אַ תפילה פאַר דעם מענטש וואָס וויל תשובה טוהן – אַ טייל דערפון פון ספר רזיאל המלאך ........ ג

ב. דער רשע אַנטלויפט פון הערן דברי תורה, און דברי תורה איז ביי זיי, אַזוי ווי דער קאַפיטל "ויהי נועם" וואָס מאַכט אַנטלויפן די שדים. ........ יז

ג. דער יצר הרע רעדט איבער דעם רשע אַז אויב ער וועט אָפּלאָזן זיינע פאַרגעניגענס וועט ער שטאַרבן, און אין פסוק שטייט "וחי בהם", דרש'ענען די חז"ל דערויף "ולא שימות בהם" ........ יח

ד. אַ סאַך שוועריגקייטן גייען אַריבער אויף דעם אָרימאַן, און ער שטאַרבט נישט ........ יט

ה. די וועגן פון דעם אָרימאַן זענען אויס שענדליך אין די אויגן פון דעם רייכן מענטש, און מיט דעם אַלעם זענען זיי גלייך ........ כ

ו. דער רשע זאָל זיך אַראָפּלערנען פון דעם אָרימאַן וויפיל ער איז זיך מוסר נפש מקיים צו זיין די מצוות, און ער שטאַרבט נישט ........ כא

ז. דער זינדיגער זאָל טוהן אַנטקעגן זיינע אויגן די שלעכטע פאַסירונגען, מיתות משונות, מלחמות, חורבנות און אַזוי ווייטער – דאַן וועט זיין פאַרשטאָפּט האַרץ ווערן אונטערטעניג צוליב מורא, טאָמער וועט מיט אים פאַסירן איינע פון די אַלע פאַסירונגען. ........ כא


# פרק עשירי

אין דאָזיגן פרק ווערט ערקלערט ווי דער יצר הרע זוכט פאַרשידענע וועגן פון היתר כדי צו מאַכן זינדיגן דעם מענטש, און אַז די זינדיגע זענען איינגעטיילט אויף 20 כיתות.


א. אַן ענטפער אויף די רייד פון דעם רשע וואָס ער זאָגט אַז דער אויבערשטער וועט פאַר אים מוותר זיין אויף זיינע זינד ........ ג

ב. ביז די פערטע עבירה איז דער אויבערשטער מוותר, און דערנאָך רעכנט ער אויך די ערשטע דריי זינד. – צוויי טעמים פאַר דעם ........ ד

ג. אַ סאַך אויסריידן פון היתר וואָס דער יצר הרע רעדט איבער דעם מענטש, כדי אים צו מאַכן זינדיגן. ........ ה

ד. די זינדיגע מענטשן טיילן זיך אויף צוואַנציג כתות, און אַ סתירה פאַר יעדע איינע פון די דאָזיגע כתות ........................ ז

ה. דער וואָס וואַרפט אַרויף אַ פעלער אויף די ערליכע מענטשן, איז ער פול מיט עבירות ........................ יב

ו. אויב דו ווערסט זען אַ שלעכטן מענטש, אָדער איינעם וואָס שפעט אויף די רייד פון די חכמים, אָדער איינעם וואָס באַשעפטיגט זיך מיט רעדן לשון הרע, אָדער אַ קאַרגן מענטש, אָדער איינעם וואָס זאָגט ליגן, אָדער איינעם וואָס מאַכט ליצנות, אָדער אַ מענטש וואָס איז אַן עז פנים, אָדער אַ מענטש וואָס פאַרברענגט זיינע מערסטע טעג מיט סעודות........................ יג

ז. ווי ווייטאָגליך איז דער וואָס טוישט איס גוטס אויף שלעכטס ........................ יד

# פרק אחד-עשר

אין דעם פרק ווערט ערקלערט די מעלה פון דער תורה, און ווי אַזוי די חכמים האָבן אַלץ דערגרייכט דורך די תורה, און די סיבה פאַר די שנאה פון אַן עם הארץ צו דעם תלמיד חכם

א. די מעלות פון לערנען תורה, וואָס דערלייכט די נשמה פון דעם מענטש און דערווייטערט אים פון אַלעם שלעכטן ........................ ג

ב. אַ טעם פאַרוואָס די תלמידי חכמים זענען געקליידעט מיט צעריסענע מלבושים, און אַז דאָס איז דער גורם פאַרוואָס די עמי הארץ האָבן זיי פיינט ........................ ד

ג. כל זמן דער גוף ווערט גערייניגט דורך תורה, ווערט גרעסער די ליכטיגקייט פון דער נשמה, און דער תלמיד חכם, אויב מען פאַרשעמט אים צוליב דעם, וועט ער פאַרטראָגן די פאַרשעמונג. – אַ משל אויף דעם ..... ה

ד. אַן עם הארץ וואָס האָט חרטה אויף זיינע מעשים, וועט דער תלמיד חכם אים מכבד זיין. אָבער אויב עמי הארץ פאַרשעמען די תלמידי חכמים, טאָר מען זיך נישט חנפ׳ענען צו זיי, און יעדער איינער וואָס חנפ׳עט זיך צו זיי ברענגט שלעכטס אויף די וועלט. ........................ ה

ה. אַ סאַך טעמים פאַרוואָס די עמי הארץ האָבן פיינט די תלמידי חכמים ........ ו

ו. עס זענען דאָ ערליכע עמי הארץ, וואָס האָבן ליב תלמידי חכמים און אונטערשטיצן זיי -- אַ סאַך סיבות פאַר דעם – אַ סימן צו דערקענען אין אַן עם הארץ מכח וועלכע סיבה ער איז אַ חסיד. ........................ ח

ז. די מעלה פון די שבטים וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט אַ מינוט פון זייער לערנען תורה ........................ ט

ח. אַן עם הארץ זאָל גיין אין שבת און אין יום טוב צום בית המדרש צו הערן דברי תורה, און ער זאָל דערציילן פאַר זיינע בני בית וואָס ער האָט געהערט....... י

ט. די רייד פון אַ מויל מאַכן צוויי פאַרקערטע פעולות: עס רייניגט די לופט, און עס פאַרפעסטעט די לופט און שעדיגט די מענטשן – צוויי ראיות אויף דעם....... י

## פרק שנים-עשר

אין דעם פרק ווערן ערקלערט אַ סאַך זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף טוהן מכניע צו זיין דעם יצר הרע, און וועגן די שלעכטע מידה פון גאווה וואָס איז דער שורש פון אַלע עבירות.

א. אַזוי ווי אין גוף פון מענטש זענען דאָ איברים וואָס זענען חשוב׳ער פון אַנדערע איברים – אַ טייל פון זיי דינען און אַ טייל פון זיי ווערן געדינט, אַזוי איז ראוי פאַר יעדער פאַרזאַמלונג פון מענטשן אַז אַ טייל פון זיי זאָלן זיין האַרן און אַ טייל פון זיי זאָלן זיין קנעכט....... ג

ב. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען צו דינען דעם אויבערשטן פון דעם וואָס ער וויל נישט פאַר זיך....... ג

ג. ווען אַ מענטש וויל לערנען תורה אָדער טוהן אַ מצוה, טרעפן זיך פאַר אים אַ סאַך שטרויכלונגען....... ד

ד. אַן עצה צו פאַרטרייבן דעם יצר הרע פון זיך....... ה

ה. זאַכן וואָס העלפן בטל מאַכן דעם יצר הרע....... ה

ו. די סיבה פאַרוואָס אַ מענטש קען נישט בטל מאַכן זיין יצר הרע דורך קיין שום וועג, דאָס נעמט זיך פון גאוה. אַ טעם פאַרוואָס גאווה ברענגט אַ מענטש צו טוהן וואָס זיין האַרץ גלוסט....... ו

ז. די הויפּט סיבה פאַרוואָס דער רשע האַלט זיך ביי זיין רשעות און לאָזט נישט זיין האַרץ תשובה טוהן....... ז

ח. דער ענין פון מלחמה – משלים אויף דעם....... ז

ט. אַ מענטש זאָל זיך לערנען פון די שבטים, וויפיל ער דאַרף נאָכקלערן אין זיינע מעשים און זיך רייניגן פון יעדן פלעק....... ח

## פרק שלשה-עשר

פירונגען פון רבינו הראי״ש ז״ל

א. נאָך זאַכן צו אונטערטעניגן דעם יצר הרע....... ג

ב. 23 פירונגען פון רבינו הראי"ש ז"ל............ד
ג. נאָך 132 פירונגען פון דעם ראי"ש ז"ל............ו

# פרק ארבעה-עשר

עס וועלן ערקלערט ווערן אין דעם פרק, זעקס און צוואַנציג צוימען, וואס אַ מענטשן דאַרף זיי טאָן.

א. דער מענטש זאָל אויסמישן דאָס וואָס ער האָט געשריבן אין זיינע יונגע יאָרן, מיט דעם וואָס ער שרייבט אין זיינע עלטערע יאָרן............ג
ב. ער זאָל באַטראַכטן די יסורים וואָס קומען אויף אים, ווי אַזוי זיי זענען מידה כנגד מדה............ג
ג. ער זאָל זיך דערווייטערן פון קוקן אַפילו אויף איר קלייד............ד
ד. ער זאָל אין זינען האָבן ביים עסן געזונט צו מאַכן זיין קערפער כדי צו דינען דעם אויבערשטן............ד
ה. זנות ברענגט דעם מענטש צו אָרימקייט – אַ מעשה אויף דעם............ד
ו. ער זאָל נישט טוהן אַ זאַך וואָס ווייזט אַז ער האָט מורא פון אַ מענטש מער ווי פון דעם אויבערשטן............ה
ז. דער וואָס טוט תשובה אויף עבירות דאַרף שטענדיג געדענקען אַז ער האָט געזינדיגט............ו
ח. דער בעל תשובה דאַרף דערווייטערן פון זיך די שלעכטע מדה וואָס איז איינגעוואָרצלט אין אים, ווייל אויב נישט, וועט ער זיך אומקערן צו זיינע שלעכטע מעשים............ז
ט. דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון יעדע שלעכטע טראַכטונג בשעת דעם זיווג............ז
י. דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם נאַר צו פאַרריכטן זיינע וועגן............ח
יא. ער זאָל שטעלן פאַר זיינע אויגן דעם חסד וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים מער ווי די מלאכים, און ער זאָל זיך שעמען פון זינדיגן............ח
יב. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן וועגן באַקומען באַלוינונג אויף דער וועלט פאַר די מצוות וואָס ער איז מקיים............ט
יג. ער זאָל זיך באַגנוגענען מיט די זאַכן וואָס ער מוז האָבן, און ער זאָל נישט פאַרלאַנגען קיין מותרות – איבעריגע פאַרגעניגנס............ט
יד. דער מענטש וואָס זינדיגט פאַרקירצט זיינע טעג, און די טעג וואָס ער האָט געקירצט גיט מען פאַר די צדיקים וואָס עס איז שוין געקומען זייער צייט אַוועקצוגיין פון דער וועלט............ט

**טו.** ווען ער הערט עפּעס, אַפילו אַ חידוש פון תורה, זאָל ער נישט זוכן דאָס אָפּצואווענדן, כאָטש אַפילו עס געפעלט אים נישט.......... **י**

**טז.** אַ מענטש זאָל אייביג האָבן אַ פרייליך פנים, וואָס דאָס ווייזט אויף די מדה פון בטחון וואָס ער האָט.......... **י**

**יז.** דורך מקיים זיין די תורה און מצוות מיטן גאַנצן כח און כוונה ווערן געהייליגט זיינע איברים, און אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף זיי יסורים – איז מען אים מוחל און דער גזר דין ווערט בטל.......... **יא**

**יח.** די שאַנד פון פוילקייט און די מעלה פון די מדה פון זריזות.......... **יב**

**יט.** אַ מענטש זאָל אַריינטראַכטן אין די מעשים פון רשע וואָס ער איז מודה אַז זיינע מעשים טויגן נישט, נאָר ער קען נישט אָפּלאָזן זיין געוואוינהייט... **יב**

**כ.** דער מענטש זאָל באַטראַכטן דאָס רחמנות פון אויבערשטן, וואָס ער האט צער כביכול פון רשעי'ס צער, און ער פרייט זיך מיטן גוטס פונעם צדיק.......... **יג**

**כא.** דער מענטש וואָס זינדיגט איז גורם שלעכטס נישט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר זיינע קינדער נאָך אים.......... **יג**

**כב.** דער מענטש זאָל טראַכטן ווען ער גיט אויס הוצאות פאַר אַ מצוה, אַז ער גיט אויס אַ פרוטה כדי צו קויפן אַ דינר.......... **יד**

**כג.** ער זאָל שטראָפן זיינע קינדער ווען זיי זענען נאָך קליין, און זאָל נישט זאָגן: ווען זיי וועלן גרויס ווערן, וועלן זיי פאַרלאָזן זייערע שלעכטע מדות.......... **יד**

**כד.** ער זאָל נישט בועט זיין אין יסורים וואָס קומען אויף אים, ווייל אויב יאָ ברענגט ער אויף זיך נאָך יסורים ח"ו.......... **טו**

**כה.** דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן מיט דער גרעסטער דערווייטערונג פון מקנא צו זיין די רשעים צוליב זייער הצלחה.......... **טו**

**כו.** דער ענין פון גלגולים אין אַ בהמה, און דאָס גלייכן.......... **טז**

**כז.** דער מענטשן זאָל זיך פאַרטראַכטן אין פרעה הרשע, וואָס האָט געהאַרטעוועט זיין נאַקן און איז געשלאָגן געוואָרן.......... **יז**


# פרק חמשה-עשר

אין דעם פרק ווערט דערקלערט דער שמועס פון נפש מיטן גוף און פון גוף מיטן יצר הרע, און אויך דער וויכוח פונעם מענטש מיט דער ערד


**א.** התעוררות רייד וואָס די נשמה זאָגט צום גוף און וואָס דער גוף זאָגט צום יצר הרע.......... **ג**

ב. רייד וועגן די פטירה פון אַ מענטש, וואָס טוען אונטערטעניגן דאָס האַרץ פון מענטש. ........ ה
ג. אַ תפילה וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן יעדן טאָג ........ ז
ד. תפלה – בלשה״ק ........ ז
ה. אַ וויכוח פונעם מענטש מיט דער ערד פאַרוואָס זי פאַרלענדט די קערפּערס פון מענטשן נאָך זייער טויט ........ ח
ו. די ערד האָט נישט די געוועלטיגונג צו מאַכן פוילן די קערפּערס פון הייליגע מענטשן ........ יא

# פרק ששה-עשר

די צוואה פון רבי אליעזר הגדול צו זיין זוהן הורקנוס, מיט נאָך 83 פירונגען און מילי דחסידותא – פון דעם מחבר ז״ל.

א. די צוואה פון רבי אליעזר הגדול צו זיין זוהן הורקנוס ........ ג
ב. נאָך 83 פירונגען און מילי דחסידותא – פון דעם מחבר ז״ל ........ טו

# פרק שבעה-עשר

אין דעם פּרק ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון חינוך הבנים, די שיינקייט פון די מדה פון ענוה און די שעדליכקייט פון גאוה, ווי אויך וועגן דעם וואס עס געשעט מיט א מענטש איידער ער גייט אַוועק פון דער וועלט.

א. די וויכטיגקייט פון דערציען קליינע קינדער אין אויבערשטנס וועגן, און וועגן דער שאַנדע פון טאַטע און מאַמע וואָס "דערבאַרעמען" זיך אויף זייערע קינדער ........ ג
ב. אַ מענטש זאָל וואַרפן אַ פחד אויף זיין בני בית מיט ישוב הדעת. אָבער ער זאָל זיך נישט בייזערן, ווי אויך נישט מיט איבערגעטריבענע פּאָרכט ........ ו
ג. ער זאָל מכבד זיין זיין ווייב אַזוי ווי זיך אַליין ........ ז
ד. די שאַנדע פון די ווייבער וואָס שעלטן און לערנען אויס זייערע קינדער צו שעלטן ........ ז
ה. די שאַנדע פון עלטערן וואָס זאָגן אָן דעם מלמד פאַרן זונ׳ס אויגן ער זאָל אים נישט שלאָגן ........ ח
ו. דער מלמד דאַרף נאָכפאָרשן דאָס קינד ווי אַזוי ער פירט זיך מיט קיום המצוות און דרך ארץ ........ ח

ז. דער שאָדן וואָס קומט אויף דעם מענטש צוליב די מדה פון גאוה ............ ט
ח. דער לאו פון "לא תשא" איז האַרבער פון אַלע לאוין וואָס זענען דאָ אין די עשרת הדברות ............ ט
ט. די שלעכטע מדה פון ווייבער וואָס זענען געוואוינט צו שווערן ביים לעבן פון זייערע מענער ............ י
י. די ווייבער האַלטן זיך גרויס, און ווייסן נישט וועגן דעם שאָדן וואָס קומט צוליב דעם. ............ י
יא. וויפיל שלעכטע גזירות זענען געקומען אויף אים צוליב די גרויסהאַלטעריי ............ יא
יב. וועגן צניעות פאַר ווייבער ............ יא
יג. שטראָף רייד פאַר מענטשן וואָס קומען אין שוהל אויף אַ מינוט, און דערצו רעדן זיי נאָך די גאַנצע צייט ווען זיי זענען דאָרט. עס איז כדאי אַוועקצושטעלן אַ מענטש וואָס אָנצושרייען די מענטשן וואָס רעדן אינמיטן דאַווענען. ............ יב
יד. נאָך וועגן די שענדליכקייט פון גאוה ............ יג
טו. וועגן די מעלה פון די מדה פון ענוה ............ יג
טז. ענוה וואָס איז פסול ............ יד
יז. אין זעקס וועגן דערקענט מען די אמת'דיגע ענוה ............ יד
יח. נאָך וועגן די מעלה פון די מדה פון ענוה ............ טו
יט. אַ סאַך ביישפילן ווי אַזוי שפלות איז גורם אַז דער מענטש זאָל געראַטעוועט ווערן פון שאָדן, און נאָך אַנדערע מעלות פון שפלות. ............ טו
כ. דער סדר פון די פטירה פון דעם מענטש פון דער וועלט – פון ספר הזוהר ............ טז
כא. דער מענטש דאַרף מאַכן גרויסע באַמיאונגען ווי לאַנג עס איז נאָך אין זיין האַנט צו פאַרריכטן זיינע מעשים, כדי אַרויסצוגיין פון ריין דער וועלט, אַזוי ווי ער איז געקומען ............ כ

# פרק שמונה-עשר

אין דעם פרק ווערט אַראָפּגעברענגט אַ תפילה פאַר דעם וואָס וויל תשובה טוהן, און אויך די דינים פון דעם מענטש און זיינע קינדער, און וועגן די רוחות.

א. אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טוהן ............ ג
ב. אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טוהן ............ ז

ג. דינים פון מענטש און זיינע מעשים, כדי ער זאָל וויסן די שרעקליכע צרות וואָס גייען אַריבער אויף אים, וואָס דורך דעם וועט אונטערטעניג ווערן זיין האַרץ וואָס הערט עס, און וועט זיך פאַרמיידן פון זינדיגן............יג

ד. אַ מעשה מיט אַן עושר וואָס ער האָט דערציילט נאָך זיין טויט וועגן די שטראָף וואָס ער האָט באַקומען צוליב דעם וואָס ער האָט אָפגעשוירן זיין באָרד מיט אַ שערל............יד

ה. אַ מעשה מיט אַ אָקס וואָס האָט דערציילט צו אַ מענטש אַז ער איז אַ גלגול פון אַ נשמה, און ער האָט געבעטן מען זאָל אים שחט'ן............טז

# פרק תשעה-עשר

אין דעם פרק ווערן ערקלערט די פאַרשידענע תיקונים פון תשובה

א. מיר דאַרפן זוכן רפואות פאַר קרענק פון דער נשמה אַזוי ווי קרענק פון גוף............ג

ב. אַ מעשה מיט אַ שר וואָס האָט געפונען אַ רפואה, אַ געוויסן גראָז............ג

ג. די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן............ד

ד. די מעלה פון שמירת שבת כהלכתו............ה

ה. די מעלה פון זאָגן שירת הים הויך און פרייליך............ה

ו. די מעלה פון אַ מענטש וואָס איז אַ מעביר על מדותיו. דריי מדריגות פון אַ מענטש וואָס הערט זיין שאַנדע און בייזערט זיך נישט............ה

ז. די מעלה פון התבודדות - זיך מתבודד זיין מיטן אויבערשטן............ו

ח. דער חיוב צו הערן די מוסר רייד וואָס ווערן געזאָגט אין בית המדרש - אַ טעם אויף דעם............ו

ט. דער בת קול וואָס גייט אַרויס יעדן טאָג און איז מעורר די מענטשן צו תשובה............ז

י. די האַרבע עבירה פון גזל, און נאָך עבירות וואָס אַ מענטש טרעט אויף זיי מיט זיינע פיס............ז

יא. קנאה, תאוה און כבוד זענען מרומז אין די דריי פרשיות פון קריאת שמע............ט

יב. מען דאַרף מכוון זיין ביי קריאת שמע, צו פאַרריכטן דעם פגם פון חטא העגל............י

יג. צוואַנציג זאַכן וואָס דער בעל תשובה דאַרף זיך שטאַרקן אין זיי - פון רבינו יונה............י

יד. תשובה תיקונים אויף אַ סאַך סאָרטן עבירות - פון די ספרי קבלה............יד

טו. אַ מענטש דאַרף מתפלל זיין אַז ער זאָל נישט שטאַרבן אָן תשובה............יט

**טז.** דער וואָס טוט תשובה, דאַרף אויך זען דערצו אַז אַנדערע מענטשן זאָלן תשובה טוהן. ............ **יט**

**יז.** די מליצה פונעם שר מטטרו״ן ............ **יט**

**יח.** אַ בן תורה זאָל זיך נישט מסגף זיין צוליב תשובה ............ **כ**

**יט.** יעדער מענטש וואָס קומט בעטן אַ תשובה, זאָל מען אים נישט שווער מאַכן די תשובה. ............ **כ**

**כ.** יעדער וואָס געוואוינט זיך צו דינען דעם אויבערשטן, זאָל נישט אָנהויבן מיט שווערע זאַכן, נאָר מיט גרינגע זאַכן. ............ **כא**

# פרק עשרים

אין דעם פרק ווערט ערקלערט אַז כדי צו קויפן שלימות פאַר די נשמה, זאָל דער מענטש נישט אָפּטוהן פון זיין מחשבה דעם סוף פון יעדער זאַך, און דאַן וועט ער זען אַז זיי זענען נאַרישקייטן.

**א.** דער מענטש זאָל טראַכטן אַז ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט פירט ער מיט זיך נישט מיט קיין שום זאַך ............ **ג**

**ב.** פינף צייטן זענען דאָ, ווען אַ מענטש זוכט זיין באַשעפער וועט ער זיך מאַכן טרעפן צו אים נאָך איידער ער רופט צו אים. ............ **ד**

**ג.** אַ מענטש זאָל נישט נאָכלויפן נאָך די גלוסטעניש פון דער וועלט – התעוררות רייד וועגן דעם ............ **ה**

**ד.** 36 זאַכן פון דעם בעל ״אזהרות הקודש״, כדי דו זאָלסט מיט זיי קויפן געשמאַקע זאַכן פאַר דיין נשמה, און כדי אפצוטוהן פון זיך די שטרויכלונגען פון טויט. ............ **ז**

**ה.** צו טוהן די מצוה מיט פרייליכקייט ............ **ז**

**ו.** צו דאַווענען מיט אַ גאַנצע כוונה ............ **ז**

**ז.** דער מענטש זאָל זאָגן ווידוי פאַר׳ן דאַווענען ............ **ח**

**ח.** ער זאָל דאַווענען אָדער לערנען מיט אַ הויך קול ............ **ח**

**ט.** ער זאָל בעטן אויף זיינע קינדער – אַז עס זאָל נישט זיין קיין פסול אין זיי... **ט**

**י.** אַ מענטש זאָל פעדערן די תפילה פאַר די צרה ............ **ט**

**יא.** אַ חשבון הנפש וואָס דער מענטש זאָל מאַכן פאַר׳ן שלאָפן ............ **י**

**יב.** ער זאָל זיין געוואָרנט מיט די מדה פון שווייגן ............ **יב**

**יג.** דער מענטש זאָל נישט עסן ברויט פון אַ מענטש וואָס האָט אַ שלעכט אויג.. **יב**

**יד.** דער מענטש זאָל נישט מאַכן קיין נדר, אויך אין אַ צרה. ............ **יב**

**טו.** ער זאָל נישט אַוועקבייגן רעכטס און לינקס פון די רייד פון חסידות............**יג**
**טז.** ווען ער שטראָפט אַנדערע מיט מוסר רייד, זאָל ער נישט דערמאָנען די עבירה בפירוש............**יג**
**יז.** ער זאָל נישט רעדן שלעכטע רייד אויף אידן............**יג**
**יח.** ער זאָל זיין פון די מענטשן וואָס לאָזן זיך פאַרשעמען און זיי פאַרשעמען נישט צוריק............**יד**
**יט.** ער זאָל זיך דערווייטערן פון גאוה און זיך באַהעפטן אין דער מדה פון ענוה............**יד**
**כ.** ווען ער דרש'נט פאַר אַ סאַך מענטשן, זאָל ער נישט הנאה האָבן דערפון......**יד**
**כא.** ער זאָל נזהר זיין אין כבוד פון ספרים............**טו**
**כב.** ער זאָל מחדש זיין חידושי תורה............**טז**
**כג.** ער זאָל זען אַז אויך אַנדערע מענטשן זאָלן תשובה טוהן............**טז**
**כד.** ער זאָל זיך נישט פריילעך מאַכן אויף דער וועלט............**יז**
**כה.** ער זאָל רעדן דברי תורה נאָך זיין סעודה............**יז**
**כו.** ער זאָל הייליגן זיין סעודה............**יח**
**כז.** ער זאָל זיך דערווייטערן פון אַ ספק איסור אכילה............**יט**
**כח.** ער זאָל זיך היטן פון קוקן אויף פרויען............**יט**
**כט.** ער זאָל זיך היטן פון בייזערן זיך............**כ**

# פרק אחד ועשרים

אין דעם פרק ווערט ערקלערט, דער סדר פון יום המיתה און די קבורה; אַ תחינה דרך ווידוי וואָס דאַרף זיין געוואוינט אין מויל פון דעם מענטש; וועגן די שאַנד פון די מדה פון כעס

**א.** אַ מענטש זאָל זיך פאָרשטעלן גלייך ווי ער ליגט אַ טויטער און מען טוהט אים אַלע באַדערפענישן פון אַ טויטן מענטש, און ווי זיין פרוי און קינדער וויינען אויף זיין טויט און גייען נאָך אים ביזן קבר, און ווי אַזוי זיין זעל זעהט די פאַרשעמונג פון דעם גוף, און ווי אַזוי זי גייט צוריק פון קבר אַהיים און פון דערהיים צום קבר, און ווי אַזוי זיין נשמה ווערט איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די וואָס טוען איר משפטן, דאַן וועט דער מענטש צערענען קעגן דעם יצר הרע און ער וועט נישט זינדיגן............**ג**
**ב.** וועגן דעם מאמר חז״ל ״יזכיר לו יום המיתה״............**ה**
**ג.** אַ תחינה און אַ בקשה צום הייליגן באַשעפער. דאָס העלפט צו עטליכע מעלות פון דער נשמה און צו פאַרגעבן און פאַרגיטיגן, און דאָס איז: אַ

געוואַלדיגער ענין זיך מתוודה צו זיין און זאָגן תחינה פאַר השם יתברך מיט אַלע גלידער און פילונגען. - אויפן סדר פון אלף-בית און דעם סדר פון "תשר"ק" און "א"ת ב"ש", צו דערציילן כאָטש אַ ביסל די לויבונגען פון השם יתברך, און דעם שיר וואָס מען זאָגט יעדן טאָג פאַר דעם הייליגן כסא הכבוד.......... ו

ד. ווי אַזוי בטל צו מאַכן דעם כעס.......... יד

ה. אַ תיקון אויף אַלע עבירות - מחדש צו זיין חידושי תורה - אַ ראיה אויף דעם. אויב ער איז נישט קיין בר הכי, זאָל ער אונטער שטיצן אַנדערע וואָס זענען מחדש חידושים.......... יז

ו. אַ מענטש זאָל נישט זאָגן, וואָס פאַראַ כח האָבן די ווערטער וואָס גייען אַרויס פון מיין מויל, מתקן צו זיין און אויפבויען חרוב געוואָרענע וועלטן.......... יח

ז. די תורה איז אַ רפואה פאַר יעדער זינד - זוהר הקדוש.......... יט

# פרק שנים ועשרים

אין דעם פרק ווערט ערקלערט ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לערנען פון די ביימער, געוויקסן און בעלי חיים, ווי צו דינען דעם אויבערשטן.

א. דער מענטש זאָל קוקן אויף די ביימער, וואָס זומער זענען זיי פול און זאַט, און ווינטער ווערן זיי פאַרוויענגלט און שטאַרבן אָפּ, פון דעם זאָל דער מענטש אַראָפּלערנען אַ מוסר.......... ג

ב. אַ ביאור אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך".......... ד

ג. אַ מענטש זאָל טראַכטן אין האַרץ, פאַרוואָס זאָל אַ חיה וואָס מען באַנוצט איר פעל נאָכן טויט, זיין בעסער פונעם מענטש וואָס מ'האָט נישט קיין הנאה ווען ער שטאַרבט.......... ה

ד. דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ זמירה, נישט איבערצורייסן פון לערנען תורה, אפילו אויב ער וועט ח"ו שטאַרבן צוליב זיין מי און מאַטערניש.......... ו

ה. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן אין האַרץ אויב זיין פנים וועט שוואַרץ ווערן דורך תורה לערנען.......... ז

ו. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם פוקס צו זיין קלוג אין יראת שמים.......... ז

ז. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ בין, אַז מען קען זיס מאַכן דעם דין דורך לערנען תורה, און אַז ער זאָל לערנען תורה בטהרה.......... ז

ח. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ שלאַנג וואָס שעדיגט אַנדערע און אים אַליין געשעהט נישט קיין שאָדן, און דער מענטש שעדיגט און עס קומט אויף אים אויך אַ שאָדן. ...... ח

ט. עס זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן קיין שום חידוש, אַפילו אַ קליינער חידוש...... ח

י. די גרויסע מעלה פון פאַרשרייבן אַלעס וואָס מען איז מחדש אין תורה, און אויב דער מענטש טוט נישט אַזוי, ווערט ער באַשטראָפט...... ט

יא. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ קאַץ נישט אַריינצופאַלן אין דער האַנט פון שלאַנג, וואָס דאָס איז דער יצר הרע. ...... י

יב. ער זאָל זיך אָפּלערנען פונעם ראַך (קענסאַר) וואָס געפינט זיך אויפן ים. וועגן די שלעכטע מידה פון פאַרברענגען צייט אומזיסט, זאָל ער זיך אָפּלערנען פון אַ ווערימל. ...... י

יג. דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין יעדן בעל חי אַ גוטע מדה, כדי דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אים אַ מוסר השכל ווי צו דינען דעם אויבערשטן. ...... יא

יד. פון יעדער באַשעפעניש דאַרף אַ מענטש זיך אָפּלערנען אַ וועג צו דינען דעם אויבערשטן...... יא

טו. אַן ענטפער אויף די טענה פון רשע, וואָס ער זאָגט אַז ער קען זיך נישט שטאַרקן אויפן יצר הרע. ...... יב

טז. אַ מוראדיגע מעשה...... יב

יז. זע די דביקות פון חור אין השי״ת – וואָס חור איז געהרג׳עט געוואָרן אויף קידוש השם ...... יג

יח. דער מענטש זאָל זיך לערנען פון אליהו הנביא׳ס אָקס, און פון די קראָען וואָס האָבן געברענגט ברויט און פלייש פאַר אליהו; פון די בהמות וואָס זענען אַליין געקומען צום משכן, כדי מען זאָל פון זיי שפּינען וואָל. ...... יד

יט. דער מענטש זאָל זיך לערנען הייליגקייט פונעם עוף וואָס הייסט ״חסידה״; פון די פאַרשידענע טויבן און הינער. ...... טו

# פרק שלשה ועשרים

**אין דעם פרק ווערן ערקלערט 17 תנאים מקיים צו זיין די מצוות און זאַכן וואָס זענען מעורר דעם מענטש מורא צו האָבן פון דעם אויבערשטן (פון בעל הרוקח).**

א. 17 תנאים וואָס אַ מענטש דאַרף זיין געוואָרנט אין יעדע איינציגע מצוה איר מקיים צו זיין – פון ספר חרדים ...... ג

ב. התעוררות רייד וואָס ווייזן דעם מענטש וויאַזוי ליב און מורא האָבן פאַרן אויבערשטן – פון דעם בעל הרוקח ........ ה
ג. דיין יצר הרע זאָל דיך נישט איבעררעדן אַז דו האָסט נישט קיין כח מקיים צו זיין אַלע מצוות ווי געהעריג........ טו
ד. אויב אַ מענטש זעט אַז זיין האַרץ גלוסט צו טוהן אַ געוויסע מצוה מער ווי אַנדערע מצוות, זאָל ער וויסן אַז צוליב דער דאָזיגער מצוה איז ער מגולגל געוואָרן אויף די וועלט........ יז
ה. דער מענטש זאָל לערנען וואָס זיין האַרץ גלוסט, סיי אין תנ״ך און סיי אין משניות, ווייל אויף דעם איז ער מגולגל געוואָרן........ יח
ו. נאָך אַן ענטפער צום רשע וואָס זאָגט אַז ער איז נישט בכח מקיים צו זיין אַלע מצוות........ יח

## פרק ארבעה ועשרים

אין דעם פרק ווערט ערקלערט פאַרשידענע תנאים און גוטע פירונגען, וויאַזוי אַ ערליכע פרוי זאָל זיך פירן.

א. דער מענטש זאָל אויסקלויבן אַן ערליכע פרוי וואָס שטאַמט פון אַ משפחה פון צדיקים און ערליכע אידן, ווייל דורך איר איז דער מענטש זוכה צו עולם הבא........ ג
ב. צען תנאים פאַר אַן ערליכע אידישע פרוי, ווי אַזוי זי זאָל זיין באַליבט אין די אויגן פון איר מאַן........ ד
ג. זאַכן אין וועלכע אַ פרוי דאַרף זיין געוואָרנט בשעת זי טובל'ט זיך און בשעת איר שוואַנגערשאַפט........ יב
ד. אַ פרוי וואָס האָט נישט קיין קינדער, זאָל זיך נישט מייאש זיין פון מִדת הרחמים, נאָר זי זאָל זיין זיכער אַז זי וועט געהאָלפן ווערן מיט קינדער..... טז
ה. עס איז נישט ריכטיג פאַר אַ מאַן אָדער אַ פרוי וואָס האָבן נישט קיין קינדער ל״ע, צו פאַרמערן מיט תעניתים און מיט תפילות אַז זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט קינדער........ יז
ו. די מעלה פון אַ קינדערלאָזע פרוי וואָס זי גיט רשות צו איר מאַן חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערע פרוי כדי צו געבוירן קינדער........ יח
ז. אַ תפילה וואָס עס זאָל זאָגן די פרוי וואָס האָט זוכה געווען צו אַ זוהן און זי ברענגט אים צו אַ ברית מילה........ יח
ח. די פירונג פון אַ אידישע פרוי מיט איר קליינעם זוהן – ווי אַזוי זי זאָל אים דערציען........ יט

ט. פרויען וואָס זיצן צוזאַמען און רעדן נאַרישקייטן, דאַרף מען מוחה זיין קעגן זיי. ........ כא

י. פאַרשידענע וואָרענונגען פאַר פרויען וואָס גייען משמח זיין אַ חתן און אַ כלה ........ כב

יא. זאַכן וואָס זענען שייך פאַר אידישע הייבאַמס, און אַ תפילה וואָס זיי זאָלן זאָגן ווען זיי גייען צום הויז פון אַ פרוי וואָס גייט געבוירן אַ קינד. ..... כב

יב. תפילות פאַר אַ פרוי ווען עס ווערט ביי איר געבוירן אַ קינד........ כד

יג. דער מאַן און די פרוי זאָלן זיין מיט איין הארץ, וכו'. ........ כה

# פרק חמשה ועשרים

אין דעם פרק ווערן ערקלערט מוסר רייד פאַר דעם עושר, און דער וועג פאַר דעם מענטש וואָס האָט נישט ווער עס זאָל אים פירן אויף דעם גוטן און גלייכן וועג.

א. די שאַנד פון דעם רייכן מאַן וואָס איז נישט קלוג אָבער ער האַלט זיך גרויס און ער וויל זיך שטאַרקן אויף דעם קלוגן מענטש ........ ג

ב. די נאַרישקייט פון דעם מענטש וואָס האָט אַלע זיינע באַדערפעניש‍ן, און לאָזט זיך אַרויס אין וועג צו פאַרמערן זיין פאַרמעגן און זיך גרויס האַלטן קעגן זיין חבר. ........ ו

ג. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון די פינגער פון זיין האַנט, און פון די נקודות אין דער תורה, זיך נישט גרויסצוהאַלטן אויף זיין חבר. ........ ו

ד. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם רשע אַליין ווי אַזוי צו פאַרמיאוסן דאָס שלעכטע, ווייל נאָך דעם ווי דער רשע זינדיגט האָט ער חרטה און ער וויל נאָך אַז זיינע קינדער זאָלן זיין צדיקים. ........ ז

ה. אַ מענטש זאָל זען די שאַנד פון דעם רשעס מעשים, און די שאַנד פון די מעשים פון די בהמות און פייגל, און ער זאָל טוען דאָס פאַרקערטע. ........ ח

ו. אַ וועג פאַר דעם מענטש צו וויסן אויף אַ זאַך וואָס ער טוט אויב עס איז אַ מצוה אָדער נישט. ........ י

ז. דער סדר פון גן עדן און זיין פירונג. ........ י

ח. דאָס אייביגע לעבן קען אַ מענטש באַקומען נאָר דורך דעם וואָס ער מאַטערט זיך אויף די וועלט, פונקט אַזוי ווי דער שלאָף וואָס איז אַ טייל פון טויט אָבער ער מאַכט לעבן דעם מענטש, און פונקט אַזוי ווי די זאָמען וואָס ווערן איינגעזייט אין דער ערד. ........ יג

ט. די מענטשן וואָס זענען זיך מסגף אויף דער וועלט, מאַכן דערגרייכט דאָס לעבן אויף דער וועלט פאַר זייערע קינדער נאָך זיי, און אַ מעשה דערויף...... יג

# פרק ששה ועשרים

אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן די ענינים פון גיהנם און גן-עדן פון אויבן און אונטן, אויך דער ענין פון נהר דינור.


**א.** די ענין פון גיהנום און נהר-דינור – פון ספר אבקת רוכל ............ ג

**ב.** דער ענין פון גיהנם, עס איז דאָ וואָס דאַרפן נאָר אָפגעשוועכט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויך גע׳כשר׳ט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויסגעגליהט ווערן, אויך איז דאָ וואָס האָבן נישט קיין תקנה אַזוי ווי ערדענע כלים. – פון ספר נשמת חיים. ............ ד

**ג.** די שטראָף פונעם גוף מיט די נשמה אין גיהנם ............ ה

**ד.** וואָס איז דער אונטערשטער גיהנום ............ ו

**ה.** אַ טייל פון די לעבעדיגע מענטשן וואָס האָבן געזען די טיר פון גיהנם וואָס איז אין אַ ווייטער מדבר און די טיר פון גיהנם וואָס איז אין ים וכו׳. ............ ז

**ו.** די גיהנם פון אויבן איז דער נהר-דינור, און אויך די בושה און צער וואָס ער האָט פון דעם וואָס דער חבר איז העכער פון אים. ............ ח

**ז.** עס איז דאָ אַ גן-עדן אויך אויף דאָ אויף דער ערד, און דאָס האָט רבה בר אבוה געזען ווען אליהו האָט אים ארומגעפירט און ר׳ יהושע בן לוי ווען דער מלאך-המות האָט אים געפירט. – דער ענין פון עסן און טרינקען אין גן עדן, זענען רוחניות׳דיגע תענוגים. ............ ח

**ח.** דער ענין פון אויבערשטן גן-עדן ............ ט

**ט.** מסכת גיהנם פון בעל ראשית-חכמה ............ י

**י.** עס איז דאָ זיבן מיני גיהנם, יעדע גיהנם האָט זיבן מדורים וכו׳. ............ יא

**יא.** אַ מענטש האָט אַ בחירה צו זיין אַ צדיק, ווייל מען האָט נישט גוזר געווען אויף אים אַז ער זאָל זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע. ............ יא


# פרק שבעה ועשרים

אין דעם פרק ווערן ערקלערט די סיבות וואָס זענען גורם אַלע עבירות און פאַרמיידן פון אַ מענטש די וועגן פון תשובה; דער ענין פון ״שובו בנים חוץ מאחר״; אַ מסירת מודעה וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן איידער ער שטאַרבט.


**א.** דריי סיבות פאַר יעדע זינד, וואָס עס האָט געשריבן דער מחבר פון ספר ״עוללות אפרים״. ............ ג

ב. פיר סיבות וואָס טוען פאַרמיידן פון דעם מענטש די וועגן פון תשובה – איך פון דעם בעל מחבר פון ספר "עוללות אפרים" ........ ד

ג. נאָך 6 סיבות וואָס טוען אָפּשוואַכן דעם מענטש פון טוהן תשובה, און יעדעס איינע פון די 6 סיבות האָט אַן אָפּוועגדונג אויף איר זייט........ ו

ד. פון ספר "אבן בוחן" – ער הויבט אויף זיין משל אויף די מענטשן וואָס האָבן איבערגעלאָזט דעם אויבערשטן ........ ח

ה. דיין יצר הרע זאָל דיך נישט איבעררעדן אַז אויב דו וועסט זיך שטאַרקן אויף דיינע גלוסטונגען וועסטו שטאַרבן........ ט

ו. אַ מענטש זאָל לערנען אין אַ צימער מיט אַ נידעריגן דאַך, אין אַ בנין פון ציגל וואָס זיין בוידעם האָט קליינע העלצער, און אַ טעם דערויף........ ט

ז. ער זאָל לערנען צווישן מענטשן וואָס זענען אָרים און האַלטן זיך נידעריג...... י

